יעקבן און די ברידער. און אַרויסגייענדיק, איז ער
18 אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט. ווען אָבער עס איז
געוואָרן טאָג, איז געוואָרן נישט קיין קליינע בהלה
צווישן די זעלנער, וואָס האָט עס געקענט געשען
19 מיט פּעטרוסן? הורדוס אָבער, זוכנדיק אים און
נישט געפינענדיק, האָט אויסגעפאָרשט די שומרים,
און געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל זיי אַוועקפירן געטייט
צו ווערן. און איז אַראָפּגעגאַנגען פון יהודה קיין
קיסריה און האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן.
20 און ער איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף
די לייט פון צור און צידון, און אַלע צוזאַמען זענען
געקומען צו אים, און נאָך דעם ווי זיי האָבן איבער־
גערעדט בלאַסטוסן, דעם שר איבער דעם מלכס
שלאָפצימער, האָבן זיי געבעטן צו מאַכן שלום,
צוליב דעם וואָס זייער לאַנד איז גענערט געוואָרן
21 פון דעם קעניגס לאַנד. און אין אַ פעסטגעזעצטן
טאָג האָט הורדוס, געקליידט אין קעניגלעכע
מלבושים, זיך אַנידערגעזעצט אויפן טראָן און
22 געהאַלטן אַ רעדע פאַר זיי. און דאָס פאָלק האָט
געשריגן: עס איז דאָס קול פון אַ ג־ט און נישט
23 פון קיין מענטשן! און פּלוצלונג האָט אַ מלאך פון
דעם האַר אים אַ שלאָג געטון, דערפאַר וואָס ער
האָט נישט אָפּגעגעבן דעם כבוד צו ג־ט; און
ווערנדיק אויפגעפרעסן פון ווערעם, איז ער אויס־
געגאַנגען.
24 ג־טס וואָרט אָבער איז געוואַקסן און זיך
25 פאַרמערט. און בר־נבא און שאול האָבן זיך אומגע־
קערט פון ירושלים, האָבנדיק דערפילט זייער
שליחות, און מיטנעמענדיק דעם יוחנן, וועמען מען
האָט גערופן מאַרקוס.